© כל הזכויות שמורות


# גליון שלהבת

שלהבת
SHALHEVES

מיסודם של הרה"ג ר' **שמשון פינקוס** זצ"ל
והרה"ג ר' **עזריאל טויבער** זצ"ל


•מחשבה קאפיטלען•

## א מצטער פון מצות אכילת מצה מעג דען עסן חמץ?

**ביי** מצות סוכה טרעפן מיר א באגריף און הלכה וועלכע לויטעט אז 'מצטער פטור מן הסוכה'. איינער וועם עס טוט לייד דאס זיצן אין סוכה פאר סיי וואספארא סיבה, איז פטור פון מצות סוכה.

**ווערט** געפרעגט א פראגע: וואס איז דער דין מיט איינער וועלכער פאסט יום כיפור, און ביינאכט האט ער נישט געשפירט דעם תענית, ער האט נישט געפילט אז ער פאסט, אבער עס קומט אינדערפרי און ער הייבט אן שפירן דעם תענית... ער איז א 'מצטער', צי מעג ער טרינקן???

**זיכער** אז נישט! פארקערט, דער גאנצער ענין פון יום כיפור איז 'מצטער', 'ועיניתם את נפשותיכם'.

**און** וואס איז דער דין אום יו"ט פסח, ווען א איד האט צער פון עסן מצה, צי מעג ער עסן חמץ? קלאר אז נישט!

**נאר** יו"ט סוכות טרעפן מיר אזא באגריף, אז איינער וואס איז א 'מצטער' איז פטור פון סוכה.

**פארוואס?** וואס איז פשט דערפון? זינט ווען איז א מצטער פטור פון מצוות? מיר ווייסן דאך אז אידישקייט און קיום התורה והמצוות פארלאנגט א טייערן פרייז, עס קומט נישט אן אזוי גרינג, און מיר זענען ערצויגן געווארן אז מיר ברויכן זיך אפילו מוסר נפש זיין, עס זאל פון אונז רינען בלוט פאר עבודת השי"ת, דינען דעם אויבערשטן אין פייער און אין וואסער, און פלוצלינג, ווען עס קומט יו"ט סוכות, ווען עס קומט צו מקיים זיין די טייערע מצוה פון סוכה, דעמאלט איז פאראן אן הלכה, אז איינער וועלכער איז סענסעטיוו און הייקל צו די מצוה איז פטור! דאס איז נישט אזא באקאנטער דין און הנהגה ווען עס קומט צו ענינ'י עבודת ה'. וואס איז די באדייט פונדעם?

**דער** ערקלערונג דעריף איז ווי פאלגענד:

**חתונה** האבן איז געבויעט ווי באקאנט אויף דריי חלקים, דריי פאזעס:

**א**, אירוסין - קידושין. ב, נישואין - חופה. ג. יחוד - לעבן און וואוינען צוזאמען.

**דערפאר** פארמאגן מיר טאקע שלש רגלים, די דריי ימים טובים.

**יו"ט** פסח איז געווען די אירוסין, די קידושין, זכרתי לך חסד נעוריך אהבת כלולתיך, דאס איז געווען דער ערשטער קשר פון עם ישראל מיט הקב"ה.

**דערנאך** קומט יו"ט שבועות און דעמאלט ענדיגט די אירוסין, ווי אזוי? דורך די נישואין! פון יו"ט שבועות און ווייטער איז די קידושין פארענדיגט געווארן און די נישואין האט זיך אנגעהויבן. אבער עס איז נאכנישט פארגעקומען די 'יחוד'. יעצט איז געקומען די צייט מקיים צו זיין און אויספירן די נישואין בתכלית השלימות, און דאס איז דורך יחוד, דורכ'ן בויען דעם שטוב זעלבסט, דעם בית המקדש, און דאן וועט זיין די יחוד.

**די** יחוד פאסירט אום יו"ט סוכות. מיר וועלן יעצט נישט אריינגיין און זיך פארטיפן איבער דער צווישנשייד פון קידושין און נישואין, וואס א גרויסער חילוק איז פאראן צווישן די צוויי (און דאס איז יעצט נישט אונזער טעמע). אבער מיר וועלן זיך יא קאנצענטרירן איבער מער א הייקעלע חילוק, די חילוק צווישן נישואין און חופה.

**דער** חילוק איז: אז סיי אין די קידושין און סיי אין די נישואין איז גענוג אז די פרוי' זאל מסכים זיין און וועלן, אבער אין די רגע וואס עס קומט צו די יחוד, אין די רגע וואס עס קומט צו די צוזאמענארטיגע לעבן, דאן איז שוין א הסכמה נישט גענוג, דא דארף זיין רצון!ביידע פונעם פארפאלק זאלן צוזאמען וועלן! אויב נאר איין זייט איז אינטערעסירט אינעם קשר און דאקעגן די צווייטע זייט איז בגדר 'מצטער', אויב אזוי, דאן... איז גארנישט דא...

**יחוד** פאסירט נישט, נאר ווען ביידע צוזאמען ווילן, ווען ביידע טוען אויסדריקן אויס רצון. אבער אויב נאר איינער האט נישט געזאגט אז ער וויל, ער האט נישט אויסגעדריקט רצון, דאן איז קיין יחוד נישט פארגעקומען.

**יחוד** קען נאר געשען דורך די

פארזעצונג אויף זייט 2 >>>


קול שלהבת
KOL SHALHEVES

צו הערן פארשידענע שמועסן און שיעורים, אין די נושאים פון:
**חינוך** | **אמונה** | **השקפה**
און נאך פילע טעמע'ס
**אידיש, לשוה"ק, ענגליש**

**קול שלהבת**
929.222.9900

**ארץ ישראל**
03-6171103
073-295110

**צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, שיקט אן אימיעל צו:**

**אין אידיש**
e.shalhevesyiddish@gmail.com

**אין לשה"ק**
e.shalhevet@gmail.com

**אין ענגליש**
e.shalhevesenglish@gmail.com

צוזאמענארבעט פון ביידע, און דעריבער, סוכה, דאס איז דער איינציגסטער פלאץ וואס 'מצטער פטור מן הסוכה'! אויב דריקט ער נישט אויס רצון און ווילן, איז ער פטור! נישטא קיין סוכה!

▪▪▪

**די** אויבנדערמאנטע איז זייער אינטערעסאנט. אין הלכות סוכה זענען פאראן גאר אסאך הלכות, דקדוקי הלכות און דינים. פאראן הכשר סוכה, דופן עקומה, לבוד, הכשר מחיצה, סכך פסול בד' און אויר פסול בג', די אלע פארצווייגטע און קאמפליצירטע הלכות זענען ביז!!! ביז די פאזע פון יו"ט סוכות.

**די** גאנצע מסכת סוכה מיט די פילע "הלכות למשה מסיני", דאס אלעס איז נאר ביז די רגע ווען דער איד קומט אן אינעם סוכה, אבער אין די רגע וואס ער טרעט אריין מיט'ן ערשטן פוס אין די סוכה, דא איז געגוג איין מאדנעם גרימאס און ער איז שוין גענצליך פטור פון מצות סוכה! באפרייט!

**מ'דארף** זיך בכלל נישט אנשטרענגען פטור צו ווערן פון מצוות סוכה, געגוג א קרעכץ, א קוועטש, און ביסט שוין אינדרויסן...

**און** פארוואס טאקע איז דאס אזוי?

**ווייל** אזוי איז דאס ביי שידוכים...

**די** מחותנים קענען זיצן שעות אויף שעות, דורכטון און דן זיין איבער די געלטער, באשטימען א דירה'לע וואו די פארפאלק וועט וואוינען, און וויפיל דירה-געלט זיי וועלן צאלן חודש'ליך, די מעבל און געשיר, זיי קענען שוין אפילו האבן גערעדט איבער'ן דאטום פונעם חתונה, די זינגער און שפילער, וויפיל פארציעס עס וועלן סערווירט ווערן. און עס קומט די רגע ווען די חתן און כלה וועלן זיך טרעפן, און די כלה האט געמאכט א גרימאס אויף איר געזיכט, א קליינע מינע אדער קרום, א דריי אדער בייג מיט'ן נאז, זי האט אפילו נישט אינזין געהאט אז דער חתן זאל באמערקן, אבער ער האט פארשטאנען אז עס טוט איר לייד, זי איז א מצטערת, עס גליסט איר נישט צו זיין זיין שותף... דאס איז עס... אלעס איז אויפגעלעזט... אין די רגע איז זי פטור... מ'קען בארואיגן די עלטערן אז זיי האבן מער גארנישט אויפ'ן קאפ, זיי דארפן גארנישט צאלן און זארגן. און ווען עס האלט אויף אזא מצב, קענען נישט די חתן און כלה טרעטן ווייטער צום יחוד שטיבל.

**ווייל** יחוד דארף צוזאמענארטיגע רצון! א הסכמה אדער שאקל מיט'ן קאפ איז ווייט פון גענוג, ליבערשט געזאגט "נישט גענוג"...

**ביי** די תנאים איז א הסכמה גענוג, ביי די תנאים שטייט דער רב אדער ראש ישיבה און לייענט פאר: בסימן טוב ומזל טוב... און צום סוף זאגט ער: בשאלת פיה ואמרה הן... און דאן קוקט ער צו די עזרת נשים און די מאמע פון די כלה מורמלט איר אריין, שאקל מיט די קאפ אויף יא... און די כלה שאקלט מיט'ן קאפ און דאן בום!... מען ברעכט טעללער.

**דאס** שאקל מיט'ן קאפ איז גענוג פאר'ן תנאים, אויך פאר די חתונה, אבער נישט פאר די יחוד.

**פאר** די יחוד ברויך זיין "רצון"! אפילו דער גרעסטער עובד ה', וואס אום יו"ט פסח האט ער געגעסן די גרעסטע שיעור כזית מצה וואס איז געבאקן געווארן דורך די שטערקסטע און מערסט-ערליכסטע חבורה, און שבועות איז ער אויף געווען די גאנצע נאכט און אויך אינעם טאג דערויף, און אום ראש השנה האט ער זיך שטארק געשטארקט, און אויך יום כיפור האט ער געדאווענט מיט פיל כוונה... אבער אום סוכות??? איז דאס אלעס נישט גענוג!

**ער** דארף אנקומען מיט א שמייכל, מיט א פריילעכקייט, מיט ליבשאפט און ווילן.

**און** אויב איז ער א מצטער?... איז נישטא קיין יחוד! ביי יחוד איז נישט גענוג דאס אז מען איז שטארק פרום און ערליך, עס נישט גענוג אז מען איז פעסט אין אידישקייט! מ'דארף ווילן!!!

**און** דעריבער איז די עיקר עבודה יו"ט סוכות "ושמחת בחגיך"! דינען דעם אויבערשטן מיט א פריילעכקייט.

**שמחה** מוז גיין ביינאזאם מיט יחוד! דאס איז דער "מחייב" פון זיצן און סוכה און שאקלען לולב.

**און** עס זענען טאקע פאראן אסאך וועלכע מיט פסח זענען זיי זיך מסדר, און אויך יו"ט שבועות האבן זיי ליב, און אפילו צו די ימים נוראים באהעפטן זיין זיך, זיי קליק'ן... אבער מיט סוכות? מיט דעם יו"ט זענען זיי זיך נישט מסדר, עפעס קענען זיי נישט מיטארבעטן...

**ווייל** דאס איז די העכסטע און שטערקסטע פאזע! דאס איז די מערסטע פאראויס וואס מעגליך, יחוד!

> ”די שמחה אום יו"ט סוכות, דאס איז די יחוד גמור מיט אונזער פאטער אין הימל! און דארט צילן מיר אנצוקומען מיט די הייליגע טעג.„

**די** שמחה אום יו"ט סוכות, דאס איז די יחוד גמור מיט אונזער פאטער אין הימל! און דארט צילן מיר אנצוקומען מיט די הייליגע טעג. אפילו אין הויכע מאמענטן פון יום כיפור ביי תפלת נעילה, ווען מיר ווילן אז די טויערן זאל נאכנישט פארשלאסן ווערן, איז אבער דער הויכפונקט, די דביקות און שמחה וואס ווארט אונז אום סוכות.

**עס** בלייבט אונז נישט איבער אין די טעג, נאר צו מאכן א חשבון הנפש און אנהייבן משקיע צו זיין אין מדת השמחה, זין פריילעך מיט עבודת השי"ת, האבן א רצון, ווילן דינען דעם אויבערשטן, און מיט א פריילעכקייט. און אזוי וועלן מיר בעזהשי"ת זוכה זיין און דערלעבן צו זעהן די ווידער-אויפבוי פונעם סוכת דוד הנופלת.

▪▪▪

# אשפיזין עלאי אבהן מהימנאין קדישין



יו"ט סוכות האבן מיר די זכי' אז די אבות הקדושים ווערן איינגעלאדנט צו אונז אין סוכה.

די אבות הקדושים, די מנהיגים פונעם אידישן פאלק, געפינען זיך צווישן אונז אידן במשך די טעג פון יו"ט סוכות. אברהם, יצחק, יעקב, משה, אהרן, יוסף און דוד.

דער מקור דערפון איז א פריערדיגע און ווערט געברענגט אין זוהר הק' (ח"ג דף ק"ג ע"ב): "אמר רבי אבא, עס שטייט אין די תורה "בסכת תשבו שבעת ימים". מען פירט זיך צו זעצן די אושפיזין קדישין אין סוכה, און ווי מיר טרעפן ביי רב המנונא סבא, אז ווען ער איז אריין אין סוכה איז ער געשטאנען ביים טיר פונדרויסן און געזאגט: לאמיר איינלאדענען די אושפיזין, לאמיר פאר זיי מסדר זיין ברויט. ער איז געשטאנען און געזאגט: בסוכות תשבו שבעת ימים, זעצט אייך אושפיזין עלאין, זעצט אייך אושפיזין מהימנותא, פריידט זיך מיט, און דאן האט זיך רב המנונא ערשט געזעצט ביים טיש".

לאמיר אביסל פראבירן צו טועם זיין א טראפ פון די דערהויבענע און הויכע ענינים.

■■■

יו"ט סוכות איז זיבן טעג, יעדן טאג קומט אן אנדערער גאסט צו אונז אין סוכה. די זיבן אבות זענען נישט עפעס פערזענליכקייטן פונעם אמאל, פונעם ווייטן היסטאריע, נאר זיי לעבן מיט מיט אונז שטענדיג, און זענען משפיע אויף אונזער לעבן אויף גאר א טיפן פארנעם.

זיי זענען א חלק פון אונז זעלבסט און א טייל פון אונזער וועזן. דער מטרה פארוואס די אושפיזין קומען צו אונז אין סוכה, איז כדי מיר זאלן נשפע ווערט פון זייערע מידות און הנהגות.

אינעם ערשטן טאג גרייטן מיר צו אן ארט פאר אברהם אבינו. דעם צווייטן טאג פאר יצחק און אזוי ווייטער.

מיר זענען געוואוינט צו טראכטן אז די זיבן אושפיזין זענען אונזערע געסט. אבער מיט אן אמת'ן בליק איז דער מציאות פונקט א פארקערטע. מיר זענען די געסט און זיי זענען די בעלי בתים.

דאס מיינט, אין יעדן טאג פון די סוכות טעג האבן מיר איינער וואס נעמט אונז אריין אין זיין שאטן, מיר גייען אריין אונטער זיין השראה, און מיר לערנען פון אים ווי אזוי זיך צו פירן.

■■■

## פארוואס פונקט זיבן?

די חכמי הקבלה טוען רעכענען צו יעדע פון די זיבן אושפיזין א צווייטע מידה פון די זיבן מידות מיט וועלכע דער אויבערשטער פירט דער וועלט.

חסד - אברהם. גבורה - יצחק. תפארת - יעקב. נצח - משה. הוד - אהרן. יסוד - יוסף. און מלכות - דוד.

די זיבן מידות פון הנהגה זענען קעגן די זיבן טעג ווען דער וועלט איז באשאפן געווארן, די שבעת ימי בראשית. יעדן טאג דינט א צווייטע מידה. ווי עס שטייט אין פסוק (שמות כ יא) "כי בששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ". די בריאה איז באשאפן געווארן אין זעקס טעג, קעגן די זעקס עקן פון די וועלט: די פיר זייטן, אויבן און אונטן. אלעס צוזאמען איז דאס זעקס.

שבת קודש איז דער זיבעטער בחינה, דאס ברענגט צוזאם די אלע זעקס טעג פון די וואך.

■■■

## חלק ה"למעשה"

אונזער מטרה איז נישט דא צו פארשטיין זאכן וואס זענען העכער אונזער פארשטאנד, נאר אונז נענטער צו ברענגען צו די ידיעות וואס עס איז וויכטיג מיר זאלן וויסן, וויבאלד דאס איז נוגע צו אלעס וואס מיר טוען טאג טעגליך.

מיר ווילן וויסן און פארשטיין ווי אזוי מיר קענען אנקומען צום בחינה פון אברהם אבינו וואס איז אינעווייניג אין אונז און דאס ארויסברענגען מן הכל אל הפועל. און די זעלבע ווי אזוי מיר קענען אנקומען צו אלע אנדערע פון די הייליגע אושפיזין.

דער עיקר תועלת פון דאס אלעס וועט אנקומען ווען מיר וועלן זוכה זיין צו לעבן לויט די מידות און דאס ארויסברענגען מן הכח אל הפועל. און ווען מיר וועלן זיך פירן לויט די זיבן אויבנדערמאנטע מידות וועלן מיר נענטער ווערן צום אויבערשטן, וואס ער כביכול פירט די וועלט לויט די זיבן מדות. הדבק במידותיו.

צום ערשט לאמיר כאפן א שנעלע איבערבליק אויף די ספעציעלע מידות פון יעדע פון די שבעת הרועים באזונדער.

אברהם אבינו. ער האט מייסד געווען די מידה פון חסד. דער מידה איז איינגעבאקן אין יעדן איד אן אויסנאם.

יצחק אבינו. ער האט מייסד געווען די מידה פון גבורה. גבורה באדייט, אנערקענונג אינעם מדת הדין פונעם אויבערשטן און אין די שטראף פון רשעים. אין ליכט פון דעם מידה זענען אידן אין לויף פון די דורות געווען יראי' ה' און געהיטן אויף אידישקייט אין אלע אומשטענדן טראץ די דרויסנדע שוועריגקייטן.

יעקב אבינו. ער האט מייסד געווען מדת תפארת. שיינקייט און פראכטפולקייט. דאס איז א געמיש פון די צוויי פריערדערמאנטע מדות. און צו יעקב אבינו איז אויך מיוחס מידת האמת.

משה רבינו. ער האט מייסד געווען מדת הנצח. דאס איז די נצחיות פון א איד.

אהרן הכהן, ער האט מייסד געווען די מדת ההוד. די שיינקייט. דער ענין פון די מידה איז צו נעמען די חומרי און דאס איבערדרייען אויף רוחני, ארויסצוברענגען די שטראלן און שיינקייט פון די נשמה.

יוסף הצדיק האט מייסד געווען מדת היסוד. דאס איז דער יסוד פון א איד און אויף דעם שטייט דער איד. דער יסוד פון א איד איז ווי א גענצליך ריינע

פארזעצונג אויף זייט 4 >>>

געגע פון טהרה גמורה וואס איז איינגעווארצלט אין אונז, און דער יסוד קען נישט קיינמאל קאליע גיין. וויבאלד חז"ל זאגן דאך (סנהדרין מד.) "ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא".

דער מהר"ל ערקלערט דאס ווי פאלגענד, אפילו אויב א איד זינדיגט חלילה, וועט אבער אלעמאל איבערבלייבן אין אים דער אריגינעלער אידישער פונק וואס וועט קיינמאל פארלאשן ווערן, און איז אוממעגליך צו פארמעקן. ער קען נישט פארלירן זיין אינערליכער מהות און ער קען נישט אפרייסן זיין קשר פון זיינע עלטערן און פונעם אויבערשטן.

דאס איז אלעס פון די מידה פון יוסף הצדיק. מיר דארפן שעפן עמערס וואסער פונעם באר מים חיים וואס געפינט זיך טיף טיף אין די הערצער פון אידישע קינדער. און דער מקור טהור קען נישט ליידן פון קיין שום קלקול און פגם. אפילו פאר עמלק איז נישט געלונגען אנצורירן דערין, און דער יסוד איז דאס וואס האלט אלעס צוזאם און ברענגט דאס צום מידה פון מלכות.

מלכות איז די לעצטע פון די זיבן מדות. דאס איז די מידה פון דוד המלך. ווייל דוד איז געווען דער ערשטער קעניג און ער וועט איבערבלייבן אונזער קעניג אויף שטענדיג. אט דער מידה איז פארבינדן צום גרויסן ענין פון משיח בן דוד, וואס ער איז דער שפיץ און העכסטע פון אלסדינג.

## די אושפיזין - יו"ט סוכות

פארוואס דווקא יו"ט סוכות דארפן מיר זיך באקענען מיט אונזערע מידות? פארוואס קומען די אושפיזין דווקא אום יו"ט סוכות און נישט אום יו"ט פסח?

דער סיבה דערצו איז, וויבאלד פסח איז דער צייט וואס עם ישראל איז געבוירן געווארן. זמן לידת עם ישראל. ביי יציאת מצרים האט זיך כלל ישראל אנגעהויבן בויען ווי א פאלק. א קינד קען נישט אנערקענען אין זיינע מידות און זיך לערנען ווי אזוי ער דארף זיך פירן אין לויף פון זיין לעבן. שבועות איז ווי דער ברית וואס איז געשניטן געווארן צווישן עם ישראל און הקב"ה, און ווידעראום סוכות, איז דער צייט וואס מיר זענען שוין ווי ערוואקסן. כלל ישראל האלט שוין א שטאפל העכער און ווייטער. סוכות איז די צייט וואס די שכינה האט זיך צוריקגעקערט צו די אידן נאכ'ן חטא העגל.

אין ספר פרקי מחשבה (ירח האיתנים) ווערט ברייט אויסגעשמועסט ווי אזוי פונקטליך מיר אין די טעג פון יו"ט סוכות קענען נאענט ווערן צום אויבערשטן דורכדעם וואס מיר פירן זיך מיט די זיבן מידות. יעדן טאג מיט איר מידה. אבער לאמיר אין קורצן ערקלערן ווי אזוי ווי מיר קענען צוקומען אז מיר זאלן קענען בויען זיך זעלבסט, און די איבריגע וועלן מיר אי"ה ברענגען אין א קומענדיגע געלעגנהייט בס"ד.

אין אנהויב, ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט דער אויבערשטער באשאפן דעם מענטש דורך אן אתערותא דלעילא, חסד. דאס מיינט, עס איז נאך קיינער נישט געווען אויף דער וועלט אויסער השי"ת, דער אויבערשטער כביכול האט נאכנישט געהאט קיין שותפים.




אבער דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטש "בצלמו", דאס מיינט, מיט א פרייע בחירה, אט דער פרייער בחירה געט פאר'ן מענטש דעם געלעגנהייט צו צעווארפן דעם בריאה. און ווי עס האט זיך טאקע למעשה ארויסגעשטעלט, אז אדם הראשון האט בוחר געווען צו צעווארפן די בריאה, אין דורכדעם חטא האט זיך אנגעהויבן די צוויי טויזנט יאר פון 'תוהו', דאס זענען געווען די יארן איידער אברהם אבינו.

דעמאלט איז געקומען אברהם אבינו, און 'הכיר את בוראו'. אברהם אבינו האט אנערקענט אינעם אויבערשטן אנדעם וואס איינער זאל אים זאגן אדער אויפקלערן, פון זיך אליינס האט ער מכיר געווען אז עס איז דא א באשעפער וואס פירט דער וועלט. דורכדעם האט אברהם אבינו אויפגעבויעט די וועלט פונדאסניי. און דערנאך, יעדע פון די שבעת הרועים האט מגלה געווען נאך א בחינה פון אור אלקותו יתברך וואס איז באהאלטן געווארן צוליב דעם חטא פון אדם הראשון.

קומט אויס, אז דער ערשטער בריאה, ווען דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט נאך אין אנהויב, איז געווען אן די צוזאמענארבעט און שותפות פון א מענטש. אבער די צווייטע בריאה איז שוין געווען דורך אתערותא דלתתא, דורכדעם וואס דער מענטש איז געווען א שותף אינעם בריאה.

אט דעם גאנצן פראצעדור פון בריאת העולם, קלקול, און ווידעראויפבוי, גייען מיר אריבער יעדן איינציגן יאר. דער פראצעדור הייבט זיך אן פון פסח, דעמאלט ווערט די וועלט געבויעט דורך דער הקב"ה. אין די טעג פון בין המצרים ווערט די וועלט ווידער חרוב צוליב די חטא העגל און די אנדערע זינד פון כלל ישראל פונעם חורבן ביז היינט צוטאג. אין ראש השנה און יום כיפור הייבן מיר אן בויען די וועלט פונדאסניי, און דער פראצעדור קומט צו איר סאמע שפיץ און הויכפונקט אום סוכות אין שמחת תורה.

פונקט ווי דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט אין די שבעת ימי בראשית, יעדן טאג מיט אן אנדערן מידה פון די זיבן מידות ווי פריער ערקלערט. די זעלבע דארפן מיר אויפבויען די וועלט פונדאסניי דורך די זיבן טעג פון סוכות. יעדן טאג זענען מיר מוצי אל הפועל די מידות הרועים העליונים. און דורכדעם טוען מיר צוריקברענגען דעם הארת שבעת ימי בראשית, און דורך אונזער עבודה טוען מיר אראפברענגען השפעות אויף די וועלט.

וויבאלד די בריאה אום ניסן איז בבחינת אתערותא דלעילא, הקב"ה אליינס, און די בריאה אום תשרי איז דורך אונזער עבודה, און דורכדעם ווערן מיר שותפים אינעם ניי באשאפענעם וועלט.

▪▪▪

פונקט ווי מיר בויען דעם גרויסן וועלט, די זעלבע בויען מיר דעם קליינעם וועלט. אונזער וועלט. יעדעס יאר בויען מיר זיך זעלבסט אויף, אונזער אייגענעם וועלט. מיר געבוירן זיך פון דאסניי דורך אונזער עבודה.

יעדע טאג פון די זיבן טעג סוכות באלאנגט צו איינעם פון די זיבן רועים. זיי זענען משפיע אויף אונז און זיי העלפן אונז מיט אונזער חשוב'ע עבודה פון אויספירן די מידות וואס ליגן באהאלטן אין אונז, מן הכח אל הפועל.

און דורכדעם וואס מיר לערנען זיך פון זיי, טוען מיר זיך זעלבסט אויפבויען און אויך די גאנצע וועלט. פונדאסניי.

▪▪▪

**דער קומענדיגער גליון ערשיינט אי"ה קומענדיגן פרשת נח הבעל"ט.**

**א פרייליכן יו"ט**